opałta pocztowa niszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# לאדזשער פאלקסבלאט

| № 197 | לאדז, דינסטאג, כ"א מנחם אב תרצ"ב | צענטער יאהרגאנג | Łódź, Wtorek 23 sierpnia 1932 r. | № 197 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# 5 טויט-אורטיילען אויף היטלעריסטען

## דאס געריכט איז בויטען האט פערמשפט צום טויט 5 היטלעריסטישע באנדיטען פאר ערמארדען אן ארבייטער. — היטלעריסטען דעמאלירען

## דאס געריכט אין ס'קומט צו ערנסטע אונרוהען

# פאגראם אויף יודען אין בויטען

**בויטען, 22** (ספ. טעל.)

דאס געריכט אין בויטען האט היינט נאכ-מיטאג ארויסגעטראגען דעם אורטייל געגען 9 היטלעריסטען, וועלכע האבען אנטיילגענומען אין ערמארדען דעם ארבייטער פיעצוכא. דאס געריכט האט פערמשפט צום טויט די היטלעריסטען קאטליש, מילער, וואלניק, גראמפנער און לאכמאן פאר ער-מארדען אויפ'ן פאליטישען באדען. האפפע איז פערמשפט געווארען אויף 2 יאהר טורמע. די איבריגע 3 אנגעקלאגטע זיינען פרייגעשפראכען געווארען.

**בערלין, 22** (ספ. טעל.)

נאכ'ן פערעפענטליכען דעם טויט-אורטייל אין בויטען איז אין געריכטס-בנין און אויך אין דער גאס געקומען צו שטורמישע אוואנטורעס, וועלכע זיינען ארויסגערופען געווארען דורך די היטלעריסטען. די פערזאמעלטע היטלעריסטען זיינען ארויס פון געריכט מיט אויסרופען „הייל היטלער".

דער היטלערישער אנפיהרער לייטענאנט הייגעס, וועלכער איז אנוועזענד געווען בעת'ן פראצעס האט אויסגעשריגען „דער דאזיגער אורטייל איז א סיגנאל, וואס וועט אויפרודערען דייטשלאנד". נאכדעם ווי די היטלעריסטען זיינען ארויסגעשטויסען געווארען פון געריכטס-בנין האבען זיי פארמירט א דעמאנסטראציע, בראש פון וועלכער ס'זיינען געגאנגען די שטורם - אפטיילונגען, וואס זיינען געקומען פון ברעסלוי. די פאליציי האט מיט געוועהר אין האנד בעהערשט די לאגע.

**בערלין, 22** (ספ. טעל.)

אין בויטען זיינען נאכ'ן אורטייל אויסגעבראכען שטארקע אונרוהען. דער בנין פון געריכט איז ארומגערינגעלט געווארען דורך די היטלעריסטען, וועלכע האבען זיך אהין אריינגעריסען און דעמאלירט דאס געריכט. אין א רייה געוועלבער זיינען אויסגעהאקט געווארען די שויבען. ס'איז געקומען צו א שיסעריי.

**בערלין, 22** (ספ. טעל.)

היינטער גלייוויץ איז פארגעקומען א באמבען-אנפאל אויף א הויז וואס געהער צו א מיטגליד פון דער צענטער-ריכטונג, דער אויפרייס האט געמאכט גרויסע שאדענס.

**בויטען, 22** (ספ. טעל.)

די היטלעריסטען האבען פאגראמירט אלע יודישע געשעפטען. די יודישע דורכגעהער זיינען צושלאגען געווארען, ס'זענען פערהאן צעהנדליגער צובלוטיגטע יודען.

די היטלעריסטען האבען אויך דעמאלירט די רעדאקציע פון דער סאציאליסטישער צייטונג.

דער „אנגריף" ווארענט די רעגירונג נישט אויסצופיהרען דעם אורטייל, די דעמאקראטישע צייטונגען שרייבען אבער, אז די רעגירונג וועט זיך נישט רעכענען מיטן המון און היטען דעם אנ-זעהען פון געריכט.


## זאל פילהארמאניע
נארוטאוויטש 20 .:. 20 נארוטאוויטש

## היינט, דינסטאג | היינט, דינסטאג

### אלע ליבהאבער פון יודישער נגינה וועלען קומען

### היינט, דינסטאג, דעם 23-טען אויגוסט, 9 אווענד

### צום גראנדיעזען יודישען

# פאלקס-קאנצערט



איינציגע פרוי אין דער וועלט אלס חזנ'טע

# פאני רובינא

וועלכע האט זיך בעריהמט געמאכט אין ענגלאנד, זיד-אפריקע, פראנקרייך און אין בעלגיען מיט איהרע חזנ'ישע געזאנגען, וועט צום ערשטען מאל אין לאדז אויספיהרען א גלענצענדען פראגראם, וואס וועט בעשטעהן פון:

**I. חזנ'יש**
1) ובניחה יאמר
2) אלוהי נשמה
3) קדשינו
4) חזנ'ישע פאפורי

**פאלקס-לידער**
1) נייע קשיות
2) אברהם
3) לייבקע
4) דאס יודישע ליד
5) שמע ישראל

**ראמאנסען**
1) דאס ליד איז אויס.
2) שענק מיר נאט גליקעלע.
3) גרוסט מיין בעשערטען

מיט בעגלייטונג פון סימפאנישען ארקעסטער.

### פאנטאזיע פון יודישע רעליגיעזע פאלקס-געזאנגען

אויסגעפיהרט דורכ'ן

# לאדזער סימפאנישען ארקעסטער

אונטער דער לייטונג פון דיריגענט **הערץ רוביז.**

בילעטען צו בעקומען אין דער קאסע פון פילהארמאניע.

